**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דאס פארענדיגן פון פארט דזשערוויס מעטראָ-נאָרט רעילראָוד סטאנציע טראנספארמאציע**

***סטאנציע יעצט פולשטענדיג צוטריטליך און גיבט א מאדערנעם טעם מיט א גע׳אפדעיט׳עטע פלאטפארמע אויסשטעל וואס פארמאגט קונסטווערק אינספירירט דורך די היסטאריע פון פארט דזשערוויס***

***בילדער צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארגענדיגונג פון א פראיעקט וואס האט טראנספארמירט דער פארט דזשערוויס סטאנציע, און עס געמאכט ווידעראמאל פולשטענדיג צוטריטליך, און גיבט עס א מאדערנעם טעם, אין דער צייט וואס קאסטומערס זעצן פאר ווייטער זיך אומצוקערן צו די באנען. דער גענצליך איבערגעארבעטע טראנספארמאציע ביי דער מערב פון הודסאן טערמינוס סטאנציע האט אריינגערעכנט די קאנסטרוקציע פון אן איין-קאריגער לענג הויכע שטאק פלאטפארמע, א צעמענטענע ראמפע וואס פירט פון דער פארקינג לאט צו דער פלאטפארמע, און א נייע סיידוואק.

"אונזער קאָמיוּטער רעילראוד איז דאס וואס האלט דער מעטראפאליטען ראיאן׳ס עקאנאמיע זיך ציען אויף פאראויס, און טאקע צוליב דעם האבן מיר פארגעזעצט ווייטער צו אינוועסטירן אין מאדערניזירן און פארברייטערן דעם סיסטעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אפגרעיד׳ען אונזערע סטאנציעס ווי פארט דזשערוויס וועט אונז ערמעגליכן פארצוזעצן ווייטער אונזער אומקער פון דער פאנדעמיע און בלייבן עקאנאמיש פארמעסטעריש אויפ׳ן לאנגן טערמין."

פארבעסערונגען זענען אויך געמאכט געווארן צו די עקזיסטירנדע פארקינג לאט צו ערמעגליכן גרינגערע צוטריט אויף דער פלאטפארמע. דער פלאטפארמע צודעק איז איבערגעמאכט געווארן מיט א מאדערנעם הילצערנעם דאך און מיט שפאגל נייע שילדן. אנדערע אפגרעידס האבן אריינגערעכנט נייע בענק מיט USB פארטס, נייע LCD קיאסק און סעקיוריטי קעמערעס צו פארבעסערן סעיפטי ביי דער סטאנציע.

אין צוגאב איז געבויט געווארן א שפאגל נייע גלעזערנע פאסאזשיר שעלטער אויף דער פלאטפארמע, און פארמאגט אין זיך קונסטווערק געלאזט מאכן דורך דער MTA׳ אַרטס ענד דיזיין׳, און אינספירירט דורך פארט דזשערוויס רייכע היסטאריע. די קונסטווערק אויסשטעלונג, וואס ווערט אנגערופן ׳*בָאוטהאַוס באַגי׳׳, איז* פארזיכטיג צוגעגרייט געווארן דורך מעלער און גראפיק ארטיסט ארמאנדא וועווע און פאבריצירט דורך ׳טאָם פעטי דעזיין׳. וועווע׳ס קונסטווערק איז דער שפיץ פונקט פון גרונטליכע אויספארשונג וועגן פארט דזשערוויס און שטעלט פאר פראמינענטע סימבאלן, חפצים, ארכיטעקטורעלע פארעמען, און אינדוסטריעס פון דער שטאט׳ס היסטאריע. דער גלעזערנער אויסשטעלונג פון נאטורליכע און מעכאנישע סצענעס סערווירן אלס א לעבהאפטע אריינגאנג צו דער סטאנציע און אן אינספיראציע פונקט פאר באזוכער און דער פארט דזשערוויס קאמיוניטי.

"צושטעלן די בעסטע קאמיוטינג וואס איז מעגליך וועט פירן מער אראנדזש קאונטי איינוואוינער צו נעמען דעם רעילראוד צו ניו יארק סיטי," **האט געזאגט קאטערינע רינאלדי, פרעזידענטקע פון מעטראָ-נאָרט רעילראָוד**. "פון די צוגענגליכקייט אפגרעידס צו די דורכגעטראכטע קונסטווערק וואס מאלט אפ דער היסטאריע פון דער שטאט וועלן פארט דזשערוויס קאסטומערס איצט האבן א סטאנציע וואס וועט זיי שטאלץ סערווירן פאר פילע צענדליגע יארן אין דער צוקונפט."

"פארט דזשערוויס קאסטומערס וואס קערן זיך אום צו זייער קאָמיוט קענען ארויסקוקן צו ניצן א מער צוגענגליכע און אריינגעמיגע סטאנציע, וועלכס קען אויך צוציען נייע קאסטומערס צו אונזער סיסטעם," **האט געזאגט קוועמועל אראיא, MTA טשיף אקסעסיביליטי אפיסער**. "דאס פארזיכערן אז מיט באזארגן אלע באדערפענישן פון אונזערע קאסטומערס איז א הויפט ציל ביי דער MTA און יעדע צוגענגליכע סטאנציע וואס מיר ברענגען ארויס איז א טריט אין יענער ריכטונג."

"ארטס ענד דעזיין איז באגייסטערט צו פרעזענטיר *׳בָאוּט האַוס בּאַגִי׳׳ צו פארט דזשערוויס*, א שטאט וואס נעמט ארום איר רייכע היסטאריע," **האט געזאגט סענדרע בלודוואורט, דירעקטארין פון MTA ארטס ענד דעזיין**. "די קונסטווערק איז לעבהאפט און אומגלויבליך אויסגעמאלן מיט פרטי פרטים. די גרונטליכע אויספארשונג אויף פארט דזשערוויס דורך וועווע האט זיך איינגעגלידערט אין די שטוינענדע מאלערייען, וואס ווייזן דער פארגאנגענהייט און דער איצטיגע צייט פון דער שטאט, און וועט האפנטליך אינספירירן פילע דורות אין דער צוקונפט."

דער פראיעקט׳ס פארענדיגונג מאכט יעצט דער סטאנציע ADA-אויספאלגנד און גיבט פארט דזשערוויס קאסטומערס א מאדערניזירטער סטאנציע. דער נייער ראמפע איז ערגאנצעט דורך א ניי-געבויטער איין-קאר-לאנגער הויכע שטאק פלאטפארמע, וואס ערמעגליכט גלאטיגע צוגענגליכקייט פון דער סטאנציע פארקינג לאט צו דער פלאטפארמע און ארויף אויפ׳ן באן.

בעפאר דער פאנדעמיע האט דער פארט דזשערוויס סטאנציע סערווירט אומגעפער 200 פאסאזשירער אויף א דורכשניטליכער טאג, און 150 אויף א דורכשניטליכער שבת, און 230 אויף א דורכשניטליכער זונטאג. לעצטנס איז דער צאל פארער געשטיגן צוריק פון די נידעריגסטע שטאפלען בשעת׳ן פאנדעמיע אויף אומגעפער 35 ביז 40 פראצענט פון בעפאר פאנדעמישע ציפערן.

**אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו סטיווען עם. ניוהאוז האט געזאגט**, "איך וויל באדאנקען דעם MTA פאר איר שווערע ארבעט אין פארענדיגן די וויכטיגע ארבעט צו פארבעסערן דער פארט דזשערוויס סטאנציע. די אפגרעידס וועלן פארבעסערן צוגענגליכקייט פאר איינוואוינער, אריינגערעכנט די מיט דיסאביליטיס, און עס וועט בעסער מאכן דאס פארן פאר אלע קאָמיוטערס און באזוכער. דאס איז א באגייסטערנדע געלעגנהייט פאר פארט דזשערוויס און וועט מאכן דער שטאט נאך מער צוגענגליך פאר פארער פון איבעראל אין דער ראיאן."

**פארט דזשערוויס מעיאר קעלי בי. דעקער האט געזאגט**, "עס איז מיט גאר הויכע באגייסטערונג וואס מיר זעהן דאס צוריק עפענען פון דער מעטראָ-נאָרט רעילראָוד סטאנציע אין פארט דזשערוויס. דער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג, דער איינציגסטער אויפ׳ן מערב זייט פון הודסאן, איז נישט נאר אויג-פארכאפנד נאר נאך וויכטיגער פול הענדיקעפ צוגענגליך. אן אינוועסטירונג ווי דאס ווייזט אויף דער לאנג-טערמיניגער פארשפרעכונג דורך מעטראָ-נאָרט פארצוזעצן ווייטער צו סערווירן דעם ליניע צו אונזער גרויסער שטאט. דער נייער סטאנציע האט אפילו איר אייגן פערזענליכער אייגנשאפט מיט קונסטווערק וואס איז געשאפן געווארן פאר אונזער שטאט. אין נאמען פון די מענטשן פון דער שטאט פארט דזשערוויס דאנקען מיר מעטראָ-נאָרט און אנדערע וואס האבן באוויזן צו פארענדיגן דעם

פראיעקט."

**סענאטאר מייקל מארטוטשי האט געזאגט**, "דער פארט דזשערוויס ליניע איז דער שליסל צו פרייהייט פון באוועגונג פאר פאמיליעס און ארבעטער אין מיין דיסטריקט. דער אינוועסטירונג ביי פארט דזשערוויס וועט פארבעסערן זיכערהייט און סערוויס פאר אלע קאסטומערס, אריינגערעכנט די מיט דיסאביליטיס, און איך דאנק מעטראָ-נאָרט פאר זייער אנגייענדע פארשפרעכונג צו אונזער ראיאן׳ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור."

**אסעמבלי-מיטגליד קארל בראבענעק האט געזאגט,** "נאך יארן פון שווערע ארבעט איז עס באגייסטערנד צו זעהן וואס מיר האבן ענדליך באוויזן אויפצוטוהן פאר דער פארט דזערוויס סטאנציע. דורכאויס דעם פראצעס האב איך געארבעט מיט קאמיוניטי מיטגלידער פון אלע פאליטישע קרייזן און לעבנסגאנגען אויף זיכער צו מאכן אז דער פראיעקט וועט בעסער מאכן פאר אונזער קאמיוניטי פון דא און ווייטער. דאס איז וואס גוטע רעגירונגשאפט מיינט. דער נייער הויכע-שטאק פלאטפארמע צו העלפן מיט׳ן איינשטייגן אויפ׳ן באן, מיט דער אפדעיט׳עט ראמפע פאר הענדיקעפ פאסאזשירער, און דער הערליך אויסגעשטעלטער איבערדעק און פאסאזשיר שעלטער צייגן אויף וואס מיר קענען אויפטוהן ווען דער רעגירונג ארבעט פאר די מענטשן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן